STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06106

ASH FUN MIZBEYEKH

Natalio Budasoff

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַש פֿון מיזבח

נ. בודאַסאָף

בוענאָס אײרעס

1970

ארויסגעגעבן פון מחבר

Cenizas del Holocausto

די הילע איז געצייכנט געוואָרן, אַ מתנה,
פונעם חבר הומבערטאָ גאָמעז דע אַסיס.

Hecho el depósito que
previene la ley 11.723

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

N. BUDASOFF
Canning 874 Buenos Aires

I

פרעלודיע

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
געגאַנגען בין איך —
ווי יצחק צו דער עקידה;
איך האָב געגלייבט אין דיר
ווי מ׳גלייבט דאָס שענסטע אין לעבן,
און געבליבן בין איך —
עלנטער פון עלנט,
און בין פאַרברענט געוואָרן
אויף שונא׳ס שייטערהויפנס.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
איך האָב דיין נאָמען פאַרוואָרצלט,
פאַרשפּרייט און אָנגעבאָטן...
און כ׳האָב געזען
ווי אַזוי דיין וועלט

נ. בודאסאָף

ווערט צעפּיצלט און צעטראָטן
פון דעם ווילד־געוויקס —
דיין באַשאַף: דער שטן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
איך ווייס נישט, בורא עולם,
וואָס דאָ איז געשען...
פאַרלוירן אין מיין גלויבן,
האָב איך צו דיר גערופן,
און אין מיין אומבאַהאָלפנקייט
געבליבן עלנט, אַליין.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
נישט דערהערט האָסטו
מיינע רופן און געשרייען...
איך האָב צו דיר גערופן —
צו דיר, צו דיר גערופן!
און דער שונא האָט געחוזקט —
און ווילד געלאַכט פון מיינע ווייען.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
איצט רעדט צו דיר מיין אַש
וואָס ווייסט נישט פון קיין קבורה.

אש פון מיזבח

און די לעבנס — בורא עולם,
די לעבנס די פאַרברענטע!
ווּ וועלן זיי געפינען
אַ מקום, אַ מנוחה?

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
דיין קול איז מיר אויסגעלאָשן,
איך הער נישט מער דיין נאָמען...
איצט רעדט צו דיר מיין אַש,
וואָס טראָגט זיך אויף אַלע ווינטן;
ביי וועמען זאָל איך — גאָט —
דאָס לעבן מיינס איצט מאָנען?

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
דעם ווילד-געוויקס האָסטו —
מיך געגעבן פאַר אַ משכן.
און ווערנדיק פאַרברענט —
אין די קאַלך-אויוונס,
וואָס נאַצי-קונסט-טעכניק
האָט געבויט מיט אירע הענט.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
מיין אַש וועט שוין צו דיר

נ. בודאַסאָף

אייביק, אייביק רופן.
לעבן־מיינס, לעבן־מיינס!
איבער זעקס מיליאָן קדושים
אויף פאַרברעכערס הענט —
ווי אין שטראָף אַוועקגעוואָרפן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
נישט דערגאַנגען צו דיר
מיין געוויין און מיינע טרערן.
איצט האָסטו — בורא עולם,
מיין אַש אין שטויב צעשטויבטן;
און מיין געוויין —
וואָס ווינטן נאָר דערהערן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
געלאָזט אין קאַמף אַליין
קעגן רויב, פאַרברעכער, בענקאַרטס...
האָסט מיך איבערגעגעבן
אין האַנט פון נאַצי־מאָנסטערס,
ווי ס׳ווערט איבערגעגעבן —
אַ קרבן צו דעם הענקער.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
עלנט און אומבאַהאָלפן

האָסטו מיך געלאָזן;
— פֿאַר וועמען, גאָט —
איז די וועלט באַשאַפֿן,
אַז דער מענטש ווערט דאָ געיאָגט
ווי ווילד-צעשראָקענע האָזן...

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
מיט שטאַנגען און מיט קייטן
צו דער אייביקייט צוגעקאָוועט.
אין מיין געזאַנג און תּפֿילות
האָב איך דיין וואָרט דערהויבן
און מיט מיין בלוט און לעבן
פֿאַרטיידיקט דאָ דיין כּבוד.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
צו וועמען איז דיין גענאָד —
דיין קראַפֿט און מילדקייט איבערגעגעבן?
אַז די שענסטע בליאונג,
דאָס בעסטע פֿון דער מענטשהייט
ווערט געיאָגט, געפּלאָגט
און צעטראָטן אויף אַלע וועגן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:

ס׳האָט אין מאַכט דער שטן
זיך צו אַלעם מעכטיקסטן דערהויבן...
און איך — דיין אויסדערוויילטער —
דער ליבלינג פון די פעלקער,
בין מאַכטלאָז אַ באַזיגטער
ביי זיינע פיס געבליבן ליגן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
אַ וועלט אַ גאַנצע האָט געיובלט
אויף מיינע וווּנדן און ווייען.
געשטאַרקט האָבן זיך די הענט
פון די וואָס פאַרפירן, פעלשן, נאַרן —
וואָס אַקערן אין מענטשנס לייב
און גרויזאַמקייט פאַרזייען.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
אַ לעבן מיינס האָב איך
דיין היכל הויך דערהויבן.
און דו אין דיינע הימלען
— ווו שטורעמס פרייע יאָגן —
געלאָזט מערדערס האַנט אויסוואַקסן,
זי געשטאַרקט און געלאָזט צופרידן...

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:

אַש פֿון מיזבח

פֿאַר דיין נאָמען האָט מען פֿייערן געצונדן
אויף מיין לייב און לעבן.
און ווערנד איך האָב דיין גענאָד געלויבט
באַזונגען און דערהויבן —
בין איך ביז מיין לעצטער שעה
געבליבן אַליין, דיינע געבאָטן אָפּצוהיטן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
וואָס זאָל איך אַצינד
צו מיינע רעשטן נאָך צוגעבן?
מיין אַש וואָס איז געבליבן
— ווערט לויבנדיק דיין נאָמען —
אויף אַלע דיינע הימלען
צעבלאָזן פֿון אַלע ווינטן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
הייסע ווינטן יאָגן דאָס אַש
און בייטשן די ערד דורך אַלע זיבן הימלען...
צי וועט נאָך ווען די וועלט —
אין באַהעלטעניש, אַ שולדיקע צי אומשולדיק,
— אין טאַנץ מיט כל המיני מכשפים —
זיין שטורעם, אָפּגרונט, צו פֿענדלעך וואָס ווימלען?

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:

נ. בודאסאָף

כ'האָבן הונדערט מיליאָן הענט
פאַרברענט מיין בלוט און ביינער;
ווו זאָל איך — בורא עולם —
מיין רוף צו דיר דערקענען,
אַז נישטאָ פאַר מיר אַפילו
קיין ווינקל אין אַ קבר...

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
אַרום מיר איז נאַכט,
פינצטער די ערד און פינצטער דער הימל.
פאַר וועמען און צו וואָס —
דאַוונען, דיך — גאָט — לויבן,
וואָס האָט געהאָלפן ווען
זאָגן קריאת שמע, צו בענטשן גומל?

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
טויט איז איצט מיין וואָרט,
נישטאָ אין אים קיין לעבן.
וואָלקנס רויך נאָר דאָרט
טונקל-גרויע יאָגן...
— צי קען און מעג דען אַש
צו דער וועלט פריי רעדן?

א ש פ ו ן מ י ז ב ח

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
פאַר דיין וואָרט און שריפט
דורות לעבן אַוועקגעגעבן;
ס׳ברענען שמות, ס׳קלינגען גלעקער וואָס פאַרשווערכן,
דער האקנקרייץ טאַנצט דעם בלוטיקסטן טאַנץ:
פון רויב, צוואַנג, לוסטמאָרד און פאַרברעכן.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
ווי אַ בוים וואָס פאַלט,
ליגן צעבראָכן מיינע צווייגן.
איך ווער געפירט
ווי צעהאַקטע האָלץ,
און אַפילו אין פייער
מוז איך שווייגן...

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
דיין קראַפט און מאַכט —
ווער איז מיט איר געבליבן?
איז דיינם די חיה
וואָס גזלט, רויבט און שלאַכט?
איז דיינם דער מענטש
וואָס ליגט געפאַלן אויף אַלע וועגן?

נ. בודאסאף

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
ס׳איז פול די לופט
פון לעבנס וואָס זיי ברענען.
ס׳ברענט פלייש און ביין,
ס׳ברענט מאַרך און בלוט,
ס׳ברענען פאַרגאַזטע ימען טרערן
פון נאַצי־האַס מיט פלאַמען...

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
דער הימל איז איבערגעפילט
מיטן רויך פון לעבנס, וואָס זיי ברענען...
אויוונס אין אָשוויענטשים,
מיידאַנעק, בערגען־בעלזען,
בירקענאַו, נאָך און נאָך און נאָך...
ווו קרייץ און האַקנקרייץ האָבן זיך געיובלט.

דו האָסט מיך, גאָט,
געבראַכט אויף דיין מיזבח:
ס׳האָט דער קירכנקלער
שטאַרבן מיך פאַרבעטן;
און איבערגעליפערט צו דער ביקס און שווערד.
קריג און מאָרד איז אַ פאַך געוואָרן — — —
די וועלט אינגאַנצן איז שטאָלץ אויף דעם.
פויפּס און קירכע־באַהערדן: זיי באַזאָרגן,
דיין הבטחה, דיין ברכה, דיין מחילה, דיין שם...

III

ליד אין בלומען

האָסטו — בורא עולם —
געזען די שטעט פון טויט-פאַבריקן.
וואָס דאָס ווילד־געוויקס: קרייץ און האַקנקרייץ —
האָט פאַרקלערט און אויפגעבויט...
צו וואָס אָנרופן נעמען ווי טרעבלינקע,
וווּ דער טויט אַליין האָט זיך פאַרשעמט...
געץ און פויפס האָבן זיי געזען בויען
און זיין געגאָדס שמייכלען — האָט זיי דאָ געבענטשט.

צי אפשר גאָר, האָט דער רויך און גאַז
פאַרשטעלט פון דיר זייער פאַרריסן פנים.
צי אפשר גאָר אין אָט־דעם שיכרות-פּרווו
האָסטו דיין פאָלק געוואָלט דערקענען.
צי אפשר — גאָט — אין בראַנד פון פלאַמען
האָסטו דיינע אויסדערוויילטע אַזוי געלייטערט;
צי וועט דיין פאָלק פון די פייער־אויוונס
דיין היכל — מיט העכער לויב — דערמאָנען...

אַש פֿון מיזבח

צי ביסטו גאָר, אין אַלע אויוונס
געווען אין פֿייער און דיינע הענט צעשפּרייט;
און האָסט אויפֿגענומען דיינע קינדער —
וואָס זענען דיר ליב און טייער.
צי ביסטו גאָר פֿון גיהנום אַוועק
און אים געלאָזט דער נאַצי־חיה;
וואָס האָט אין מוטער־טראַכט דאָס קינד צעריסן,
און אויף קינדס אומשולד, דערשטיקט דער מאַמע.

צי אפשר גאָר, האָסטו אַליין
פֿאַרטראַכט דעם גיהנום און אים געגעבן
דער נאַצי־חיה, וואָס איז אויסגעוואַקסן
אויף רויב, גזילה, האָס, פֿאַרברעכן.
צי אפשר גאָר, אין אָט־דעם ווילדן פּרווו
ביסטו אַליין געפֿאַלן אַ קרבן...
ווערנד מענטש און וואָרט האָט צו דיר גערופֿן
און איז פֿון שרעק צוויי מאָל געשטאָרבן.

צי אפשר וואַרטסטו אויף דיכטערס וואָרט
וואָס זאָל זיין לויב צו דיר דערטראָגן...
דיך באַזינגען אויף אַלע אייביקייטן
אין אַלע תּפֿילות דיך אויסלויבן.
און ווי אַ צבֿועק, ווי אַ פֿאַרשטעלטער
זאָל מיט אויגן אויסגעגלאָצטע
אין אָט די וועלטן די צעשטערטע
פֿאַר דיר קניען, דיך דערהויבן...

נ. בודאסאָף

פרעמד איז דיר, געוויס, אַוודאי,
אַלע סטראַפּטשעס און פּאַרפירער
וואָס בענטשן, הייליקן די שווערד,
און צינדן ליכט אַזוי פרענקיש, העלדיש, פרעך...
איך וויים אָבער: ווער ס'האָט אַריינגעשטעלט
אַ פלאַש בלוט, נאָך היים, אין אָרון קודש,
און דעם קרבן אַוועקגעוואָרפן,
ווו דאָרט אויפן שליאַך...

פרעמד איז דיר, געוויס, אַוודאי,
אָט-די אַלע מאָרד-פאַרברעכנס;
פרעמד אַוודאי די בילבולים,
פרעמד דער פרצוף פון די רשעים,
פרעמד די בתי-מדרשים די פאַרברענטע,
ווו דיין פאָלק: איינגעזאַמלט
— פעסט און זיכער אין דיין קיום —
האָט צו דיר גערופן, און געשריען: מאַמע...

צי אפשר גאָר,
האָט דיין פאָלק צופיל געחלומט;
און נישט אויסגעטייטשט: גענוג פאַר גענוג.
אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַן אויג פאַר אַן אויג,
דעם פרייז פון לעבן: שטעלן אַ לעבן פאַר אַ לעבן.
אפשר פאַרקוקט, און אויך פאַרשפּעטיקט
— אינעם פאַרברודערן די מענטשהייט —
דעם תליונס ביקס, אַ ביקס שטעלן אַנטקעגן.

— — — — — — — — — — —

אַש פון מיזבח

נישט דאָס וואָרט
האָט באַנומען דער תליון,
נישט דאָס וואָרט
האָט געשראָקן דער שלאַנג.
שטאָלענע נעגל
האָבן נעגל צעבראָכן,
און דער מענטש האָט דערזען
זיין הפקרות, זיין שאַנד.

דאָס וואָרט פונעם נביא
האָט דעם מענטשן דערהויבן;
און דער מענטש האָט דערזען —
ס'רינט בלוט פון זיינע הענט.
ער האָט באַקוקט זיין היים,
זיין ווייב, זיין קינד און וועלט,
און זיך פרעגנדיק: וואָס געשעט דאָ, וואָס?
האָט ער אין דיין שטן זיך דערקענט...

— — — — — — — — — — —

III

ליד אין בלומען

אָ, ווי שווער דאָס איז צו ליגן
אונטער רעדער אַ צעקוועטשטער...
תפילות, תפילות פול מיט גלויבן
צו דיר ברענגען, גאָט אַלמעכטיקער!

אָ, ווי שווער ס'איז דאָס לעבן —
און פירן אַ קאַמף מיט ווילדע חיות;
צו דיר רופן, דיין הילף דערוואַרטן,
— און פאַר דיין שווייגן און פאַרשווייגן —
זוכן משלים, ברענגען רעיות.
אָ, ווי שווער זענען דיינע וועגן
אונטער דיין ליכט דעם מענטש דערהויבן,
זען ווי ס'ווערן צעטראָטן זיינע געפילן
און ס'ווערן פאַרגוואַלדיקט זיינע מעלות!

אָ, ווי שווער ס'איז דערציילן
דעם וואָס האָט עס נישט געזען;

וואָס האָט קיין האַרץ און קיין געפילן
און קיין באַנעם צו אַזוי פיל ווייען!
אָ, ווי שווער ס׳איז צו רעדן
צו דעם וואָס טרייבט אויף דעם לצנות —
וואָס לעבט געגנאַרט, וואָס נאַרט דאָס לעבן
און האָט חזקה אויף זיין פחדנות.

אָ, ווי שווער דאָס איז דערהויבן
דיין קדושה, וואָס איז צעטראָטן
דורך די וואָס שווערן פאַלש, גייען אין פאַלשע וועגן,
און דיין וואָרט איז שטרענג פאַרבאָטן!
אָ, ווי שווער — בורא עולם, —
כ׳איז דעם אמת צו פאַרשפרייטן;
ווי שווער, ס׳איז דיין געזעץ,
אין דעם ברויט דאָ אויסצוקנעטן!

דיין פאָלק איז איינגעזאַמלט,
און ס׳טראָגט זיך אַן אל מלא רחמים;
ס׳וויינט דער נביא אויף זיינע קינדער —
און זיין תפילה הערט זיך ווייט און העכער:
„דורות פון מיין פאָלק דאָ אומגעקומען,
„דורות פון מיין פאָלק אָט־דאָ פאַרלאָרן
„וועמענס בלוט אַלע חיות האָבן געטרונקען,
„וועמענס אָדערן האָבן אויפגעטרענט אַלע פאַרברעכער.

נ. בודאסאָף

„דורות מיינע, פאַרברענט אין נאַצי־אויוונס,
„וועמעס אַש ס׳טראָגן אַלע ווינטן;
„דורות מיינע פון מיין פאָלק אַזוי צעשטויבטע
„מיט וועמעס בליקן אַלע הימלען קוקן.
„דורות מיינע אין אַלע מיסטן דאָ צעוואָרפן
„וואָס זוכן פאַר דער וועלט אַ שענער לעבן,
„דורות מיינע פון מיין פאָלק צעטראָטן —
„ס׳טראָגט די זון איר ליכט אייך דאָ אַנטקעגן.

אָ, דורות פון מיין פאָלק אין פלאַמען,
אַ געדענקונג אַ געדענקטן זאָלט איר געדענקען!
ווו ס׳וועט ווער נאָר אָטעמען לופט
וועט אָטעמען לעבנס פון אָט־די אַלע לעבנס;
וועט אָטעמען דאָס אַש פון ווינטן געיאָגט:
וועט אָטעמען גרויל פון דער נאַצישער שרעק:
וועט אָטעמען שינאה פון גרויליקן האָס;
וועט זוכן אַ בענקשאַפט פאַרבענקטן אין גאָט
דערציילטע אין שורות, דערציילטע אין וואָרט.
אָ, דורות פאַרגאַזטע פון דייטשישע הענט!
— — — — — — — — — — — —

IV

ליד אין בלומען

און איצט, בורא עולם,
איך, דיין קנעכט, האָב צונויפגעזאַמלט
— אין דיינע אייביקע הימלען —
אַ זאַמלונג פון פייער, אַש, רויך,
פולס און אָטעם פון אַלע, אַלע לעבנס.
איך האָב צונויפגעזאַמלט דעם שיין
פון יעדן איינעמס אויגן,
וואָס האָט געקוקט פון די פלאַמען
— פון קינד און טאַטע־מאַמע — ;
איך האָב צונויפגעזאַמלט די לעבנס
פון זייערע פאַרברענטע פלייש און ביינער;
איך האָב צונויפגעזאַמלט דעם זאַט
— וואָס איז געזאָטן — פון בלוט און טרערן
וואָס האָט געגלויבט ביז דער לעצטער מינוט
אַז די וועלט וועט זען, די וועלט וועט דערהערן.

איך האָב צונויפגעזאַמלט
פון אַלע רינשטאָקן און אַלע וועגן,

פון אַלע ווינטן וואָס בלאָזן און יאָגן,
דעם קיום פון אָט־די לעבנס וואָס אייביק זיי פרעגן:
— פאַרוואָס איז די חיה אַזוי דאָ דערהויבן?
— פאַרוואָס זענען די הימלען פול מיטן קלונג
פון די גלעקער?
— פאַרוואָס קניען די מענטשן פאַר זייערע
ליימענע געטער?
און נאָך טויזנט „פאַרוואָסן" וואָס די ביקס
גיט אַן ענטפער...

אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד — בורא עולם —
האָב איך אַ קניפּונג פאַרקניפּט, אָנגעבונדן —
צווישן פעלדער געאַקערט און וואָלקנס;
און ווו אַ שטורעם וועט יאָגן,
ווו אַ וואָלקן וועט זיך שפּרייטן
וועלן פון דיינע הויכן פאַלן אָט־די טרערן —
און וועלן צייטיקן זאַנגען, וועלן צייטיקן ברויטן.
און יעדעס בלום וואָס וועט איר בלי אויפבינדן,
וועל איך די פרוכט פאַרהיטן
אַלס איר שענסטע וווּנדער.
איך וועל צונויפזאַמלען אין אַ זאמלונג איינגעאַנקערט
אַ פאַרבינדונג לאַנג געווונטשטן:
פון אַלע מענטשנס קינדער.
און ווען וועלטס שטן וועט מיט זיינע ווינטן בלאָזן
און וועט די טרער וועלן אַרויסרייסן פונעם אַקער

נ. בודאסאף

וועט די טרער דאָס פעלד מיט פרוכט באַהעפטן
בכדי מענטש מיט מענטש
זאָל מיט דיר — גאָט — זיך בענטשן.

און ווי אַ טרער ס׳וועט פון וועמען פאַלן,
וועט אַ טרער זי פון דער ערד אויפהייבן —
און וועט פאַרפעסטיקן אַלע מענטשנס קוואַלן;
און ס׳וועט טרער מיט טרער זיך דערקענען —
און ס׳וועט טרער מיט טרער זיך ברידערלעך פאַרוועבן.

און וועז ס׳וועט אַ שיין זיך ווי באַווייזן
פון דיין באַשאַף: דיין זיין פון אייביקייטן,
וועלן אַלע בלומען — צו דיר, גאָט —
אין זייער שפּראַך שטיל רעדן,
און זייער פרוכט אָפּגעבן
דער וועלט אינגאַנצן
בכדי זיך צו באַשפּייזן.

V

ליד אין בלומען

אויף איינעם אַ וואָלקן
האָב איך איינגעזאַמלט
אַ זאַמלונג פון קינדערשע געשרייען,
איך האָב איינגעזאַמלט
זייערע שרעק און טויט־אַנגסטן,
זייער פאַרלוירנקייט,
זייערע לעצטע רופן און געוויינען —

אַ זאַמלונג קינדער
צעמאָלן פון דייטשישע טאַנקען!
וואָס זייער געביין און בלוט
איז צעשמירט געוואָרן
ווי מ׳צעשמירט בלאָטע מיט אַ קעלמע.
און דאָרט, אין די „נאַצי־פאַרצאַמונגען“
האָט דאָס נאַצי־ווילד־געוויקס
— איינגעטונקען אין קינדערש בלוט —
זיך נאָך זיי אַרומגעיאָגט.

מיט טאַנקען — גאַט — אַרומגעיאַגט,
און אויף די קינדער אַרויפגעיאַגט.

און דערביי,
אינעם מיליטער־מאַרשרוט —
אינעם לויף פון טאַנק קעגן טאַנק
האָט דער שטאָלץ פון די גערמאַנישע זין
— מיט זייערע שטרוי־ווייסע האָר
און בלוט־רויטע פנימער —
אויטאָמאַטיש, מיט שמייכל און בראַווירונג,
מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט ווי אַ באַגנעט,
מיט אַ געגדזן שפּאַן און מיטן קנאַל פון די אָפּצאַסן,
זיך איינס דאָס אַנדערע באַגריסט:
מיט זייער באַזיניקט, באַליבטן,
באַזונגען און פול מיט גלויבן שלאַגער —
הייל היטלער, הייל היטלער!

— — — — — — — — — — —

און פון אָט־דעם ברוק־געשפּענסט
— אויף בלוט־פאַרשעמטער ערד —
ברוקירט מיט פלייש, מיט ביין, מיט בלוט,
מיט קינדערשע צעקוועטשטע קעפּעלעך,
האָבן אַרויסגעקוקט זייערע אייגעלעך,
זייערע יידישע קינדערשע אייגעלעך!
און זייערע צעקוועטשטע און צעריבענע מיילעכלעך
זענען מיט אַ צעהאַקטן אל רחמים געלעגן;

נ. בודאָסאָף

געוואָלט האָבן זיי רחמים צו דיר, גאָט, רופן,
און גערופן האָבן זיי צו די בני באַרבאַרן —
וואָס האָבן געזונגען זייער אויסגעזונגענע מאָנסטער-ליד:
„ווען יודן-בלוט פון מעסער שפריצט —
אַי ווי גוט, אַי ווי גוט...״
וואָס האָט דעם „היטלער-צוואַנג״ צו אַ קולט דערפירט,
צום האַקנקרייץ געקניט, געדינט,
מיט פאַרברעכער-גייסט זייער וועלט געשפּינט.

און איך — וואָס בין פאַרבייגעגאַנגען —
און האָב געזען די קינדער ליגן אָן לעבנס
וואַנדאַליש צעשטיקלט, צעשפּליטערט;
האָב געקוקט אויף די דייטשישע זין
וואָס האָבן פאַרענדיקט דעם טאָג-אַרבעט.
און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן
און זיי זענען זאַט פון בלוט און מאָרד אַוועקגעגאַנגען,
האָב איך פון דער ערד צונויפגענומען
זייערע לעצטע געוויינען —
זייערע לעצטע שלוכצן,
דעם טויטשרעק וואָס איז געלעגן
אין זייערע אייגעלעך און בליקן;
און האָב פון דעם ברוק-געשפּענס אַרויסגעהויבן
זייערע צוגעקלעפּטע אָדערלעך
וואָס האָבן זיך ווי ווערעמלעך
קאָנוווּלסיוו פון דער ערד געריסן,

און זענען געבליבן איינגעקלעפּט,
אין דער האַרט,
מיט טאַנקען,
איינגעקנאָטענער ערד.

— — — — — — — — — — —

אויך האָב איך צונויפגעזאַמלט
דערביי אויף אַ צווייטן וואָלקן
די טריט, פון נאָך קינדער, וואָס זענען
באָרוועסע, נאַקעטע, עלנט און הונגעריקע,
מיט קנוט און מיט דער קאָלבע פון דער ביקס
געטריבן געוואָרן צו די נאַצי־אויוונס;
און דאָרטן, הילפלאָז און אַליין
— אין זייער קינדערשער פאַרלוירנקייט —
האָבן די „מענגעלע דאָקטוירעס"
אויף זיי געמאַכט עקספּערימענטן,
צום סוף אויסגעצאַפּט דאָס בלוט
און זיי דערנאָך פאַרברענט...

און ביי אַט־דעם קינדער־מאָרד
זענען צוויי עדות געווען:
— צוויי עדות וואָס וועלן אייביק זאָגן עדות —
דער רויך אין די הימלען און דאָס ליכט דאָ פאַרשעמט.

— — — — — — — — — — —

נ. בודאַסאָף

אויך האָב איך צונויפגעזאַמלט
די שוידערנדע גרויל-שרעקן
פון משהלעך און שלמהלעך,
אויף וועמען די „ס. ס. העלדן" —
האָבן אַרויפגעיאָגט זייערע דרעסירטע הינט,
און האָבן אַזוי זאַט געשמייכלט און געקוקט
ווי די הינט, צו צוויי אויף אַ קינד,
צעפּליקן און צערייסן זיי;
רייסן אַרויס זייערע העלדזעלעך
און לעקן אַרויס דאָס בלוט
היים און רויט און פריש...
נאָכהער מיט זייערע פאַרבלוטיקטע הענט
ווישן אָפּ די פאַרבלוטיקטע מאָרדעס
פון זייערע ליבנדע הינט.
און אויף דער פלאַך פון דער ערד
האָט זיך אויסגעשפּרייט די שטילקייט
פון קינדערשן אויסגיין...
אַ סקילן און וויען
פון די פעט-זאַטע הינט
אין אַ געמיש
פון אַ חיהש ווילד געלעכטער
פון די בני עמלק.

— — — — — — — — — — —

אויך האָב איך צונויפגעזאַמלט
טויטאַנגסטן פון גוססדיקע קינדער

אַ ש פ ו ן מ י ז ב ח

ביים אויסצאַפּן זייער בלוט,
כדי איינשפּריצן לעבן
דער נאַצישער חיה...

אוּן זיי, אַט־די קינדערלעך,
אויסגעזייגטע, אויסגעצאַפּטע,
זענען שטום און שטילע אויסגעגאַנגען.

אויך האָב איך צונויפגעזאַמלט
— נאָך אויף אַ וואָלקן —
די יידיש־קינדערשע געפילן,
וואָס האָבן זייערע ליאַלקעלעך
בריוועלעך געשריבן.
און האָבן אין זייערע הערצעלעך פאַרצייכנט
דעם נאַצי־דייטשישן בייזוווּנדער
וואָס האָט געוואָלט די וועלט באַהערשן
אויף אַ גאַנצן צענדלינגער יאָרהונדערט...

אָ, ווי שווער דאָס איז געווען —
זאַמלען זאַמלונגען אויף דיינע וואָלקנס!
אָ, ווי שווער דאָס איז געווען
זען קינדערלעך טויט־צעשראָקן;
הערן זיי שרייען, זען זיי קלאָגן;
זען זיי פאַראורטיילטע, זען זיי פאַרלוירן,
און נישט קענען העלפן, נישט קענען טרייסטן,
אַפילו נישט קענען צוזאָגן אַ הילף...!

נ. בודאסאף

אין אייער עלנטקייט — קינדערלעך —
שטיי איך ווי איר באַוואָלט;
איך זאַמל אייערע אויסגעוויינטע טרערן,
איך זאַמל די טריט פון אייער לעצטן גאַנג;
איך זאַמל דעם פולס פון אייערע הערצעלעך
וואָס האָט איינגעזאַפּט אין ירושה פון דורות:
ליבע, גלויבן, דערהויבונג, געפילן;
געגלייבט אינעם מענטשן;
געלעבט דאָס טעגלעכע לעבן,
און ווערנדיק פאַרטיליקט —
קינדערש דאָך געגלייבט...

איך זע אייך קינדערלעך, גיין און קומען,
איך זע אייך קינדערלעך: איר זענט דאָ,
ס'האָט געבענטשט אייך טאַטע און מאַמע —
ביים געבורט פון אייער שעה.

איך זע אייך גיין און זע אייך קומען
אייער וועלט איז נישט צעשטויבט,
זאָל דער האַקנקרייץ זיין דער נאָמען
פון דער וועלט וואָס האָט דאָס דערלויבט.

זאָל דער האַקנקרייץ באַזינגען
די נאַצי־האַנט געפאַרבט מיט בלוט;
איר זענט קינדער דער יסוד פון פרייהייט,
אין אַ וועלט מיט גלויבן, ליכט און לויב.

— — — — — — — — — — — — —

א, יידישע קינדער,
קינדערלעך מיינע!
פון אייערע טרערן האָב איך פעדעם געשפּינט
און פון די פעדעם געוועבט פאַר אייך קליידער;
איר וועט נישט זיין הויל און נאַקעט שוין מער,
איר וועט זיין ווי געווען — דורות ווונדער.

אויך שיכעלעך האָב איך פאַר אייך פאַרגרייט
מיט פעדעם פון אייערע הייליקסטע טרערן,
און היטעלעך וואַרעמע, בלוי־ווייס און רויט,
געפאַרבטע פון רעגנבויגן, באַגינען און שטערן.

נו קוקט מיט די אייגעלעך אייערע צוויי,
און גיט אַפּ דער וועלט אייער שלום;
און גיט איר אַ ברכה פון לעבן און פרייד,
כאָטש פאַר אייך איז דאָס בלויז נאָר אַ חלום...

פאַרברענט האָט אַ צווייג, דער שונא נישט מער,
דאָס יידישע קינד וועט זיין אייביק!
יעדן פסח צום סדר, וועט איר אויך זיין
לעגענדאַריש, שפּילעוודיק, פריידיק.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ס׳איז נישט געווען קיין באַזונדערער גורל
און נישט קיין באַזונדערע ווייען;

נ. בודאַסאָף

ס׳איז נישט געווען גענוג געלט
כדי זיך אויסצוקויפן;
איינגעקלאַמט אין שטן
זענען געבליבן אייערע געשרייען,
און אַ רופן — וואָס האָט זיך
צו קיינעם נישט דעררופן...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און גרעטיען די בתולה
— געקושט און געצערטלט —
וואָס האָט אויסגעטאַנצט איר אידיליע
אין דער צעהוליטער „קריסטאַל-נאַכט״
ווו דער יונקער מיט בראַווירונג
האָט גאַס און שטעט פאַרזייט
מיט ברוכשטיקער פון שויבן
מיט שויפענצטער צעהאַקטע
— קינד און קייט פאַרגוואַלטיקט —
ווו אַ צייגעניש האָט געוויזן:
„דאַ היר וווינט אַ יודע״.
— — — — — — — — — —

גרעטיען, האָט געשפּילט אויפן קלאַוויר,
האָט געשפּילט די קראַנקנשוועסטער,
און האָט געפרייט זיך מיטן נאַצי-גליק

וואָס האָט געגעבן דעם קאָשמאַר-באַדינג:
יעדער יונגפרוי וואָס גלויבט אינעם האַקנקרייץ,
דאַרף דעם פאָטערלאַנד געבן אַ זון.
מעג זיין פון אַ פערד
אַבי אַ יונקער אַ העלד!

זי האָט איר זויבערע נאַקעטקייט
היים, געוואַשן און געוווּנטשן —
אויף איר שוועל אַוועקגעשטעלט...
דער נאַציזם האָט באַפוילן,
דער האַקנקרייץ האָט געצייכנט דעם וועג,
— דאָס איז געווים די הויכע טוגנד —
און גרעטיען האָט באַוויליקט די שטעג.

נאַצי-סאָלדאַט האָט זי מזנה געווען,
פאָטערלאַנד האָט איר קינד דערקענט;
איר דור וועט זיין דער שרעק פונעם מאָרגן,
דער שרעק פונעם מענטש, דער שרעק פון דער וועלט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אָ, קינדער מיינע, אַזוי צעשפּליטערט! —
זאָל איך קדיש זאָגן,
— איז וואָלקנס זאָגן נישט קיין קדיש.
זאָל איך שבעה זיצן,

— איז וואָלקנס זיצן נישט קיין שבעה.
איך קום אייך היינט
אין אָט־די שורות צונויפזאַמלען
און וועל אייך ברענגען צו אַ ישוב
ווו דאָס לעבן פלאַנצט און בויט
זיין טעגלעכן לעבנס־קיום.

אַ, קינדער מיינע, אַזוי צעשטויבטע —
מיטן כוח פונעם האַקנקרייץ!
איך וועל אייך אַלע צונויפזאַמלען —
אויף די בלעטעלעך פון יעדער בלום;
אויף די ברעגן פון יעדן רעגן,
אויף די טראָפּנס פון דעם טוי,
און דאָס ליד נישט אויסגעזינגען —
וועט ווידער זיין געזאַנג און טרוים.

אַ, קינדער מיינע,
פון מיין שטאָם אַזוי פאַרטיליקט!
ווו דער טוי וועט זיך אויסשפּרייטן,
ווו אַ בלום וועט זיך צעבליען,
ווו אַ רעגן וועט אַ ברכה זיין;
דאָרט וועט אייער ליד זינגען שירה,
און וועט אייך רופן — ווי דאָס לעבן רופט.

איר וועט קוקן דער וועלט אין פּנים
און וועט איר זינגען, זינגען לידער:

פרייע, אויב די וועלט וועט וועלן פריי זיין;
שטורעם־לידער, אויב די וועלט וועט וועלן שטורעם;
נאָר ווו ווייץ און זאַנג וועט מיט פרישן
ברויט היים שמעקן,
דאָרט וועט אייער ליד אַ ברכה זיין.

און ווו ס׳וועט
צ בוים צעבליען —
וועט זיין געזאַנג,
וועט זיין נגינה.
און ווו ס׳וועט
אַ פרוכט זיך מערן —
דאָרט וועט דאָס שענסטע:
דער מענטשלעכער שטאָם,
זינגען שירה און שיר השירים.
אַפילו די פייגעלעך
פון זייערע נעסטן פאַרטריבן —
וועלן קומען, וועלן זינגען שירה,
און נייע נעסטן
דאָ אויפלעבן.

VI

ליד אין בלומען

איך האָב איך צונויפגעזאַמלט
— אָ, אַלמעכטיקער! —
אויף אַלע חנוכּה־פלעמעלעך
די פייערן פונעם אויפשטאַנד
פון וואַרשעווער געטאָ.
די פייערן פונעם אויפשטאַנד
פונעם פאַרבלוטיקטן ביאַליסטאָק.
די פייערן פונעם אויפשטאַנד
פונעם העלדישן טשענסטאָכאָוו.
די פייערן פונעם אויפשטאַנד
פון די קדושים פון בערגען־בעלזען,
און נאָך און נאָך...

איך האָב צונויפגעזאַמלט
די פייערן פון אַלע גאַז־קאַמערן,

די פייערן פון אַלע בראַנד־אויוונס.
דעם לעצטן בליק פון די געפּאַלענע
אויף אַלע נאַצי־וועגן ;
דעם לעצטן בליק —
ווי דער מענטש האָט געזען
פאַרניכטעט און צעשטערט
זיין שטוב, זיין היים,
זיין המשך און זיין וועלט.

אויך האָב איך אויפגענומען אין מיין זאַמלונג
— ווי אַ לעגענדע אַן אויסגעלעבטע —
דעם פלאַם פון דער יידישער גבורות,
ווי אַ טאָכטער פון בני ישראל
האָט זיך אַנגעגורט מיט אַ פּאַנצער באָמבעס,
זיך איינגעוויקלט אין נאַפט,
און אָנגעצונדן אין העלישן פייער —
זיך אַרויפגעוואָרפן פון אַ הויך פון גאָרנס
אויף אַ מאַרשרוט דייטשישע שטורעם־וואָגנס,
וואָס זענען ווי משחיתים געלאָפן איבער דער שטאָט
און מיט זייערע קאַנאָנען און פּולעמיאָטן
דער באַפעלקערונג — אויף לינקס און רעכטס — באַשאָסן.

און מיטן כוח פון אָט־דער גבורה —
מיט דער העלדנקראַפט פון איר מוט,
האָט זי פאַראייביקט דעם אויפשטאַנד

נ. בודאַסאָף

פון וואַרשעווער געטאָ.
דעם אויפשטאַנד
קעגן רויב און גזילה,
קעגן מאָרד און פאַרברעכן;
קעגן אומבאַשטראָפטער,
אומגעצאַמטער, אויסגעלויבטער
יונקער-נאַצי-מערדעריי.

אָט זע זי — דאָרט, גאָט —
אין איר העלדישן פאַלן,
אויף שטורעם-וועגענער
וואָס שפייען מיט טויט!
ס'איז פלאַם אירע האָר,
ס'איז פלאַם אירע אויגן,
ס'איז צעקניפּט און צעבינדן איר צאָרן,
זי וויל מער אין לופטן נישט טרויען —
און וויל מער קיין לעבנס נישט באָרגן.
ווי דער ווינט אינעם שטורעם געפורעמט —
וואַך איז דאָ איר אויג אין דיין הימל;
אַ צענטל סעקונדע איר פאַלן
און אַן אייביקייט, אַן אייביקייט איר לעבן;
זאָל זיין וואָס ס'וויל ס'זאָל קומען
דער אויפשטאַנד מיט איר איז צעצונדן,
דאָ איז זי מיט פלאַם קעגן פייער
אין קאַמף קעגן ווילדע באַרבאַרן.

אש פון מיזבח

אָ, טאָכטער פון עם ישראל!
איך בין שטאָלץ מיטן היינט
פון דיין זיין דאָ און לעבן;
איך בין שטאָלץ מיטן נעכטן
פון דיינע טעג און דיין קיום.
טאָכטער פון עם ישראל!
דו וועסט אויף אַלע אייביקייטן זיין דאָ און לעבן
און וועסט אַלע דורות
מיט לעבן באַשטרעבן.

VII

ליד אין בלומען

טאָכטער פונעם אויפשטאַנד
פון וואַרשעווער געטאָ ! —
איך האָב געזאַמלט דיין אַש
און האָב געזאַמלט דיין העלדנקראַפט ;
איך האָב געזאַמלט דיין בלוט
און דיין פלייש וואָס נאָך ברענט ;
אין דיין צאַנקען אין פלאַמען
ליגט דיין האַרץ און דיין לעבן,
און אין יעדן וואָרט פול מיט פרייד
ליגט דיין זיין — דאָ פאַרוועבט.

דו האָסט מיט דיין איבערמוט
די בראַנד-אויוונס אויפגעריסן ;
ווו געברענט האָט דאָס בלוט
פון טאַטע-מאַמע און קינד,
ווו די וועלט האָט געוווּסט
און האָט דאָס אַלעס פאַרגומען :

דעם פלאַם פון די פייערן,
דעם מכשפס יובלען פון זינד.

זעקס מיליאָן קדושים
פאַרברענט אין אַט־די פלאַמען;
אַ מיליאָן צעשטויבטע
אויף אַלע פראָנטן פון מלחמה,
— כדי ראַטעווען דאָס וועלטל
פון נאַצי־חיהשע פאַרברעכער —,
און אין די הימלען
האָבן די שטערן זיך געצונדן,
און אויסגעשפּרייט די שטראַלן
ווייט און ווייט און העכער.

אַט־די זאַמלונג צונויפגעזאַמלט
אויף די וואָלקנס פון דיין הימל:
דער העלדנמוט פון די אויפשטענדלער
וואָס האָבן געקעמפט מיט ציין און נעגל.
— נישט געווען פאַר זיי קיין ביקסן,
קיין פּולעמיאָטן, קיין געווער. —
זייער אַש איז דאָ געבליבן
און אויך דער גלי פון זייער טרער.

אַט־די וואָלקנס —
וועלן שטורעמען דיין וועלטל;
וועלן אויפרייסן די וואָרצלען

נ. בודאסאף

וואָס פלאַפלרייד האָבן פאַרגעצט;
זיי וועלן אַרויסרייסן די צינגער
פון אַלע געצן-גלעקער,
וועלן צעפיצלען זייערע צוואַנגען,
זייער שמייען מיט געזען.

אין ווען ס'וועט
ווי נאָר אַ שטורעם יאָגן
אויף ים, אויף שטאָט,
אויף וואַלד און פעלד,
דאָרט וועט ער ווילד געוויקס צעקניען,
אומרעכטן צעברעכן,
געצקעס צעשטויבן,
ווי מ'צעשטויבט שטויב איבער דער ערד.

ער וועט ביי די ימען
זייער האַפטיקייט נעמען,
און וועט אין זייער קראַפט
זיך מוטיקן, שטאַרקן;
און וועט אין געלויף
און וועט אין געיעג
שיפרויב צערייסן
ווי נאָסן פאַפיר.

און ווי ס'וועט וואַרצלען זיך שנאה
און ס'וועט וואַרצלען זיך טויט —

דאָרט וועט שטורעמען שטורעם
און וועט בראַווירן זיין מוט.

און דו נאָר אַליין,
נאָר דו — בורא עולם —
וועסט צוימען זיין דויערן
און וועסט שטילן זיין פּיין.

בלויז שטורעם וועט קענען
— מיט אָט־דער וועלט —
שטורעם־שפּראַך רעדן;
ס'וועלן קאַנאָנען פאַרשטומפּן
זייער איינציק בלינד אויג;
אויב די געצנדינערישע וועלט
וויל אַ לעבן פון מילחמה —
אָט איז זי אָט־די וועלט:
איר מיליטער־מאַשין אין לויב!

אין בלוט און אין אומקום
ליגט דאָס לעבן אַ געגאַרטער;
צווישן פּייקל און פּלפּול —
אַ צוגעזאָגטע יענע וועלט פון נאַרעריי;
פון פּויק פּויקט אַרויס
געפּרעפּלטע פרײדן,
די גאַס אין געפּלוידער
איז פול מיט פּלאַפּלעריי.

נ. בודאַסאָף

אין אָט־דעם געפּלאָנטער
— און פינצטערער צעמישונג —
ליגט דאָס לעבן אַ צעשטויבטער,
ליגט דאָס וואָרט אין באַרימערייַ;
— דער אמת: אַ מת אויפן צלם,
די וועלט: אינעם פויסט פונעם אשמדאַי.
— — — — — — — — — — —

VIII

היטלער־געשפּענסט

היטלערס צוואַנג־באַגער מיט זיינע האָרדעס
צו באַהערשן די וועלט אויף טויזנט יאָר ;
וואָס האָט „פאַראָרדנט" צו עסן די הינט —
כדי צו ווערן פעסטער, שטאַרקער, זיכערער ;
איז געבליבן ברוך און ברוכשטיקער,
בלוט און צוואַנג־מלחמה ברוכשטיקער ;
וואָס דער ים, די צייט, דער ווינט,
דער נאַציזם אין היטלער־געשפּענסט
וועט נאָך אַנאַנד
אַרויסוואַרפן אויף אַלע ברעגן ;
ווו די נאָך שטורעם־שטילקייט
וועט זיך קייקלען אויף אַלע וועגן,
און וויכער־ווינטלעך
וועלן דרייען זאַווערוכעס...

קליין וועלן בלייבן די ימען
און וועלן נישט צעשוויינקען

— אַפילו אין צוויי טויזנט אייביקייטן —
די „שטיקיען זייפע
פון ריין יודענפעטט",
וואָס די נאַציס האָבן פאַבריצירט
פון יידיש פלייש און ביין;
כדי דאָס פאָלק זאָל וואשן זיינע ציין,
זאָל וואשן זיינע הענט,
זאָל וואשן זיין פנים,
זאָל וואשן לייב און לענד.

— — — — — — — — — — —

צוגלייך אויף אַלע וועגן און פעלדער
וועלן אַלע פלאַנצן וואַקסן און גרינען,
— גרינען, גרינען און בליען! —
די בלומען וועלן בליען בלומען
און די רויזן וועלן בליען רויזן;
און די שמעטערלינגען וועלן פוצן זייערע פליגעלעך;
און די קינדער פון דער גאַנצער מענטשהייט
וועלן זיך קינדערש שפּילן:
אין ציגל-מיגל, אין איינע-ביינע,
קינדערש שטיפן און זיך פאַרשטיפן;
אויף אַלע וועגן זינגען, ליאַרעמען,
און קינדערש זיך צעוויינען...
און אַ מינוט שפּעטער —
קינדערש צוריק אויפשיינען;

נ. בודאַסאָף

זוי דער טאָג שיינט אויף אין דעם באַגינען,
אונטער אַ טעפּיך פון טוי און שטראַלן,
כדי דו — דיכטער —
זאָלסט דאָס אַלץ דערציילן,
און דו — מאָלער —
זאָלסט דאָס מאָלן
מיט צוויי קינדער־טורערן —
פרישע, הייסע,
פון צוויי אויגן —
וואָס אַ מאַמע האָט אויסגעקושט.

IX

ליד אין בלומען

און איצט מיין פאָלק —
אין געזאַנג פון דיין וואָרט
בלייבן די טעג פונעם לעבן:

— ס'האָט זיך דיין בלוט אַריינגעגאָסן
אין אַלע לעבנס פון אומות-העולם.
דיינס אַ קינד האָט דיין וואָרט פאַרשפּרייט.
דיין קינד איז ער, און דיינער זאָל ער בלייבן!
נישט וויכטיק וואָס די ווילדע וועלט זאָגט.
נישט וויכטיק וואָס די טייכן
אין זייער לאַנגן מורמלען טראָגן.
פאַרפאַלן די לעבנס שוין דערטרונקען.
ס'וועלן אַלע ווינטן פאַרשפּרייטן דיין ליד,
קענען אַשמדאַים כוח, זיין פייקלען און טרובלען.

דו זאָלסט איצט זינגען —
און די וועלט אויפסניי בויען.

זי פורעמען, אויסבילדן, באַזינגען;
זי וויגן אין דיין אייגענער וויג,
און אין דיין וואָרט — צו איר רעדן.

זאָלסט בויען די וועלט
און זאָלסט אין איר גלייבן,
דערציען דעם מענטש
און זינגען זיין ליד.
דו זאָלסט מיט יעדן ווינטעלע,
ווינט און יעדן שטורעם
דיין וועלט דערהויבן —
זינגען, און אויסזינגען דיין ליד,
אין דיין ליד גלויבן,
און קיינמאָל נישט ווערן מיד.

אונדזער יאָרהונדערט וועט בלייבן
אין דער ראָם פונעם אַשמדאַי.
וועסטו זיינע פינגער פאַרקוקן
וועט זיין פויסט אויף דיר פאַלן אויפסניי.

דו זאָלסט זינגען דיין ליד
און אַ נייַ לעבן בויען.
נישט וויין אויף די טויטע שוין טויט
און נישט פאַרגעסן זאָלסטו אָט־די טרערן.
— און דו זאָלסט געדענקען:

נ. בודאסאף

אַז ווו ס'וועט אַ געצן־דינסט אויפקומען
און זיך וואָרצלען אין בלוט,
וועסטו פאַר אים צאַלן
מיט לעבנס און טויט.

דו ביסט, פאָלק מיינס,
אַ טייל פון דער מענטשהייט,
ווי דער מענטש איז אַ טייל פון באַשאַף.
די וואָס האָבן קיין לעבן צו געבן —
די געבן בלינד — אימאַזש, געמעל און פאַנטאַזמען.
מיט דער צונג פונעם גלאָק בענטשן יעדן גילגול,
און וועקסלען פאַרברעכן, גרויל, גוואַלד און רויב.

די וואָס שטאַרבן
און ווילן נישט שטאַרבן,
די טיילן טויט
יעדן פאָלק, יעדן לאַנד.
דו זאָלסט אין וואָרצל
דערגרונטן, דערקענען —
ווער ס'האָט דער מכשפה
געשטאַרקט אין איר האַנט.

באַשולדיק די שולדיקע אָן מורא,
מעגן זיי זיין
פון דיין דור
פון דיין שטאַם.

אש פון מיזבח

באַשולדיק די שולדיקע
בכל עם ועדה;
אין איר וועזן און נפש:
מכשפה לא תחיה...

ווייַ צו דעם פאָלק
און וויי צו דעם לאַנד —
וווּ די מלוכה־מאַכט
און גייסטיקע פירערס
פירן אים צום רויב,
פירן אים צום פאַק...!
וויי צו דעם דור
און וויי צו דעם פאָלק
וואָס ווערט דערצויגן
אינעם שטאַלץ פון כיטראַק!
וויי צו די טעכטער
און וויי צו די זין
וואָס ווערן געבענטשט
אויפן שאַרף פון דער האַק!

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און איצט מיין פאָלק:
ווען דו וועסט זען אַ ייד
בויען וווּ דייטשלאַנד;

זאָלסטו צוגיין צו זיין שוועל,
צערייסן אַ טוך פון יידיש בלוט און טרערן
און זאָגן — אַז זיין יעדעם קינד זאָל הערן:
אין אָט־דעם געוועב,
— מיט אייערע זין און טעכטער —
וועט איר איינגעוועבט ווערן.

און אויב טויב וועלן זיי בלייבן,
מיט אַ יעקע־שמייכעלע אַ טריבן,
צו אָט דעם אייער וואָרט
זאָלט איר זיי זאָגן:
— פאַרשאָלטן, צוויי מאָל פאַרשאָלטן,
זאָל יעדער יידישער פּרצוף ווערן —
ער, זיין יעדעם לעבן,
וואָס וועט ווי בויען דייטשלאַנד.

ווי שפּאַניע, אויף אָקסן העלדן,
זאָל זי מיט איר מיליציע און שווערדן
אויף אַלע אייביקייטן בלייבן.
אַ דערמאָנונג זאָל אייך זיין
די זעקס מיליאָן קדושים,
ווי גרוש שפּאַניע א דערמאָנונג.
— — — — — — — — — — — —

און איצט מיין פאָלק —
שטיי אויף און גיי.

אויף דיר וואַרט די וועלט
אין צערונונג פון ביידע געשלעכטער.
שטיי אויף — און גיי,
דו ביסט פון געוויסן
די טרייב־קראַפט און וועכטער.

ווערסטו פאַרזאַמען אַט־די מינוט —
וועט פאַרלוירן גיין די שעה, דער טאָג;
ס'וועט פאַרלוירן גיין דיין זיין דאָ, דיין וועלט —
דיין מענטשלעך וואָרט, דיין ווירדע און מוט.
בפני כל עם ועדה
גיי און זאָג דער וועלט
— און ווער ס'וויל —
זאָל קומען, זען און הערן:
ווו יידישער ישוב וועט בויען
וועט ישוב אַן אייביקייט ווערן.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

X

ליד און בלומען

און איצט — מיין פאָלק:
שפּאַן איין דעם ים,
און דעם שפּאַן זאָלסטו רופן
„דער מאַרטירער־וועג פון די קדושים".
און אַזוי אַרום זאָלן אויפלעבן
די עשרת השבטים;
אויפלעבן אַלע פאַרברענטע לעבנס.
און דער ים וועט אייך געבן
זיין קראַפט און הצלחה,
דער ים וועט אייך געבן
זיין אייביקע ברכה —
אויף זיין דאָ, אויף שאַפונג און מאַכט.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

XI

ליד אין בלומען

און איצט, בורא עולם,
— איך, דיין קנעכט,
וועל דאָ פאַרפלאַנצן
מיין בייטעלע בלומען, —
זאָלן זיי וואַקסן,
וואַקסן און בליען;
זאָלן זיי זיין דאָ אַ אָנדענק
די מיליאָנען קדושים.

איך וועל דאָ פאַרפלאַנצן
די זריעה פון אַלע זאַנגען
— פון אונדזער טעגלעך שטיקעלע ברויט
ביזן פלאַנץ פון די בלומען
„פאַרגעס מיך נישט". —

און אויב דו וועסט פאַרגעסן
ווי די האָסט אָט־די לעבנס פאַרגעסן —

אש פון מיזבח

וועט מיין בייטעלע בלומען
אין דיינע הימלען קוקן,
און יעדער בלום באַזונדער
וועט צו דיר רופן:
צו דיר, גאָט, רופן,
ווי ס׳קענען נאָר רופן בלומען,
און דיך פון דיין אייביקייט —
צו דיין פאָלק דערמאָנען.
דעם מענטש צום מענטש
אין דיר דערקענען.
אין די טעג —
ווו יעדער ווילד־געוויקס
רעדט מיט קאַנאָנען...

XII

ליד אין בלומען

— גאָט !

איך, דיין פאָלק, וויל אין דיין הילף זיך שטאַרקן,
און וועל דיך אין מיין האַרצן קנייטן ;
וועל אין מיין בענקעניש דיך באַזינגען —
ווי ס׳באַזינגט דער גערטנער זיינע בייטן.

און ווו אַ בלום ס׳וועט זיך אויפבינדן —
און וועט געבן פאַרפום, און וועט געבן בלי,
דאָרט וועט מיין בענקעניש דיך באַזינגען
טאָג און נאַכט, פון קאַיאָר פרי.

און ווו אַ פרוכט ס׳וועט זיך צייטיקן —
און וועט רופן, רופן און וועט לאָקן,
דאָרט וועט מיין בענקעניש דיך באַזינגען —
דיין באַשאַף דערהויבן, אין דיין באַשאַף דאָ האָפן.

און ווען דער וועלטס רשעות וועט לויערן
אויף אונדזערע לעבנס און יעדער פריי לעבן,
און ס'וועט זיך וויקן די ערד אין פייער און בלוט;
ווּעסטו, גאָט, דיין הילף אונדז געבן,
וועסט זיין אונדזער ברכה, וועסט זיין אונדזער מוט.

פונעם זעלבן מחבר:

אין שפאניש

E L E V A C I O N , poesías	1945
LA LANGOSTA, Un mal Nacional y Sudamericana, Ensayo	1946
T E A T R O , cinco obras	1950
LLUVIAS SALVAJES, cuentos, Premiado por el Consejo del Escritor	1962
CENIZAS DEL HOLOCAUSTO, En Idish	1970

Este libro se
t e r m i n o d e
imprimir el día 20 de Diciembre
de 1969, en los Talleres Gráficos
“ C U L T U R A ”
Sarmiento 2157
Buenos Aires